מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **מקץ - ויגש** תשפ"ג ◆ עלון מס': **104**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### פון טיפן בור צו די העכסטע שטאפלען פון סוקסעס

ווען דער געוועזענער תלמיד פון דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל האט יענער טאג אנגעקלאפט אויפ'ן טיר פון זיין געוועזענער רבי האט ער אויסגעשאסן אין א הילכיגער געוויין.

בלויז געציילטע יארן האט אפגעטיילט פון די יעניגע אמאליגע גוטע יארן. א פלייסיגער בחור איז ער געווען. ער האט זיך געציילט פון די בעסטע בחורים אין די ישיבה און ווען ער האט געדארפט גיין אונטער די חופה האט מען אים אנגעטראגן די בעסטע שידוכים.

ער האט חתונה געהאט בשעה טובה און נאכ'ן לערנען אפאר יאר אין כולל איז ער ארויס ארבעטן אין א געווויסער ארבעט. ער האט געעפענט א ביזנעס און אריינגעלייגט דארט גרויסע געלטער. די געלטער האט ער צוזאמענגעבארגט ביי אנדערע אבער דער מזל האט אים נישט געשיינט, ער האט אלעס אנגעזעצט און איז איבערנאכט געווארן א ריזיגער בעל חוב. ער איז געווען שולדיג געלט פאר א האלבער שטאט און צווישן די שולדיגע איז געווען זיין שווער.

דער איידעם האט פארלוירן זיין חן אין די אויגן פון זיין שווער און די שווערע מצב אין וואס ער האט זיך געפונען האט געפירט דערצו אז ער האט זיך געמוזט גט'ן פון זיין פרוי און זיין שווער האט אים נאכ'ן גט גערופן צו דין תורה, ער זאל קומען באצאלן זיינע חובות.

דער יונגערמאן האט געשפירט ווי די וועלט האט זיך געענדיגט פאר אים. דער מצב איז געווען אזוי ביטער און טראכטנדיג וואס ער קען טון, האט ער זיך דערמאנט אין די גוטע ישיבה יארן און אין זיין רבי רבי אברהם און איז זיך געקומען אויסוויינען פאר אים.

"רבי, איך האלט עס שוין נישט אויס". האט דער יונגערמאן זיך ביטערליך באקלאגט.

דער צדיק האט אים אויסגעהערט ביז'ן ענדע.

"איך האב אן עצה פאר דיר, די עצה וועט דיר ארויסנעמען פון דיינע שוועריגקייטן".

דער איד האט אויפגעלאכטן, אן עצה וואס גייט אים ארויסנעמען פון זיין שוועריגקייט, דאס איז פונקט וואס ער דארף יעצט.

"מיין עצה פאר דיר, אז פון יעצט און ווייטער זאלסטו ארויפלייגן א שלאס אויף דיין מויל. דו זאלסט זיין פון די נעלבים ואינם עולבים. זאלסט נישט רעדן קיין שלעכטס אויף דיין גרושה און נישט אויף אירע עלטערן. ווען איינער וועט פראבירן צו רעדן מיט דיר וועגן דעם זאלסטו פשוט שווייגן. זאלסט געדענקען דער פסוק 'ואוהביו כצאת השמש בגבורתו', אז דו וועסט עס איינהאלטן וועסטו זוכה זיין אז עס וועט מקויים ווערן ביי דיר, אין דעם זכות וועט די זון צוריק ארויסקומען ביי דיר, דו וועסט אנהייבן צוריק צו לייכטן".

דער יונגערמאן איז געשטאנען ווי געלעמט.

"רבי, איך בין נישט קיין מלאך".

דער צדיק האט אים געגעבן גערעכט אבער ער האט אים געוויזן וואס דער חובת הלבבות שרייבט אין שער הבטחון פרק ד' סוף פון דעם חלק השלישי.

"ויסבול חרפתו ויזכור בלבו שתועלתו ונזקו ביד הבורא יתעלה".

"זאלסט וויסן אז די משפחה פון די גרושה קען דיר גארנישט קיין שלעכטס טון, אלעס פירט זיך פון אויבן, דו דארפסט נישט קיין מורא האבן פון זיי".

דער צדיק האט צוגעלייגט נאך א זאך:

"פון היינט און ווייטער זאלסטו טאג־טעגליך מתפלל זיין פאר זיי, זאלסט בעטן פאר דיין גרושה, פאר דיין געוועזענער שווער און שוויגער, זאלסט מתפלל זיין פאר זיי אז זיי זאלן מצליח זיין אין זייער לעבן".

דאס איז שוין געווען צופיל פאר אים, דא האט ער שוין געשפירט ווי דאס קען ער נישט דערהייבן!

"אפילו אז איך זאל זיך צווינגען עס צו טון וועט עס זיין משפה ולחוץ, אזא תפילה האט נישט קיין שום ווערד".

"אמת", האט דער צדיק צוגעשטימט, "אבער במשך הזמן ווען זיך זאכן טוישן, עס וועט ווערן אמת'דיג".

דער צדיק האט אים געמוטיגט און דער יונגערמאן איז ארויס פון דארט פארטראכט און צעמישט, ער האט עס איבערגעטראכט און ענדע האט ער באשלאסן אז ער גייט גיין אויף דעם, ער איז עס מקבל אויף זיך.

טאג־טעגליך האט ער עס אויסגעפירט און בנוסף געהאלטן פארשלאסן זיין מויל.

א שטיק צייט איז אריבער און דער יונגערמאן איז ווידעראמאל געקומען צוגיין צו די ישיבה, דאסמאל האט ער אויסגעזען פריש און מונטער, אויפגעלעבט.

"נישט צום גלייבן", האט ער געזאגט.

"מיין געוועזענער שווער האט מבטל געווען די דין תורה. איך האב נאכאמאל חתונה געהאט און ברוך השם עס איז דא שלום בית. אויך אין מיינע ביזנעסער בין איך מצליח. רבי, דיין עצה האט געהאלפן".

דער יונגערמאן האט דערציילט וויאזוי עס איז נישט אנגעקומען שווער, אבער עס האט זיך געלוינט.

דער יונגערמאן האט געטון וואס דער רבי האט געהייסן, און ווי דער רבי זאגט 'ויגמלם חסד ויעשה כל מה שיוכל לעשותו מן הטוב". און ער האט זוכה געווען צו א לעכטיגע און צופרידענער לעבן און ארויסצוגיין מאפילה לאורה.

[ארויסגענומען פון שיעור 145 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### אן פלאות און אן ניסים

אפשר קענסטו מיר געבן צו פארשטיין פארוואס פעלט עס אויס אז איך זאל גיין צום דאקטאר, צו נעמען פון אים א רעצעפט, צו קויפן א מעדיצין און עס איינעמען לויט די ספעציעלע אנווייזונג וואס דער דאקטאר געבט, אויב מיר ווייסן סייווי אז אלעס מאכט דער באשעפער, אז נישט די מעדיצין היילט, נאר ער היילט.

וואס באדייט דער גאנצער שפיל?

די שאלה האט הרה"ק רבי ברוך ממעזשיבוזש זי"ע געפרעגט פון דער באקאנטער דאקטאר גארדאן, וועלכער האט שפעטער תשובה געטון און איז געוואקסן איינס פון די גרויסע צדיקים, ווען זיין טאכטער רייזל איז געווען קראנק.

נאר וואס דען? דער באשעפער האט באשאפן א וועלט בדרך הטבע און ער האט געוואלט אז מיר זאלן זיך פירן בדרך הטבע, אז מיר זאלן אים מגלה זיין בדרך הטבע. ווען מיר זאלן ווען זען זיינע נפלאות אן קיין שום השתדלות וואלטן מיר נישט געהאט קיין בחירה. דער מענטש וואלט געלעבט מיט השי"ת, ער וואלט נישט געהאט א וועג אנצוקומען צו זינדיגן, וויאזוי קען א מענטש זינדיגן ווען ער זען עין בעין די השגחה פון השי"ת.

די מטרה איז צו לעבן אויף די וועלט מיט'ן באשעפער, נישט צוליב די ניסים, נאר צוליב דער סדר העולם וואס ער האט אוועקגעשטעלט, די טבע.

די מטרה איז אז מיר זאלן זען די השגחה פרטית, אז מיר זאלן זען די טבע און זיך נישט לאזן פארבלענדן פון די טבע, אז מען זאל וויסן אז עס איז א שלייער, אז אלעס פירט זיך פון השי"ת.

ברוך השם אז מען זעט אז אויך אין די היינטיגע וועלט, וואו טויזנטער הערן אויס די השגחה פרטית האטליניע און קומען אן צו די אנערקענונג.

בלויז מיט א וואך צוריק האבן מיר באקומען א שטארקער טעלעפאן קאלל. א איד האט אריינגעקלינגען און דערציילט אז ער האט געהאט א קינד וואס איז ליידער אראפ פון וועג, דער קינד האט זיך אויסגעגליטשט גלייבנדיג אז ער וועט טרעפן גליקן אין פרעמדע פעלדער.

איין טאג קומט ער אהיים און האלט אין זיין האנט דער גליון השגחה פרטית און רופט זיך אן צו זיינע עלטערן.

"דער גליון האט מיר אהיימגעברענגט".

דער קינד האט געגעבן צו פארשטיין אז אין דעם גליון האט ער געליינט אז השי"ת האט אים ליב, אז ער מיינט זיין טובה און א טאטע וואס האט אים ליב וויל ער צוריקגעבן אהבה.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## דער קנעפל וואס האט גערוקט די קאר

עס רעדט דא א איד פון בית שמש:

נאך אסאך לאנגע און פארצווייגטע הכנות איז אנגעקומען דער טאג ווען מען האט אנגעהויבן די בוי ארבעט וואו איך האב באגלייט די ארבעט. איך האב אראנדזשירט ארבעטער און יעצט בין איך געווען אויפ'ן וועג צו ברענגען די בוי מאטריאל אז די ארבעטער זאלן האבן מאטריאל מיט וואס צו קענען ארבעטן.

נאכ'ן איינקויפן די מאטריאל בין איך ארויס צו מיין קאר ארייננצולייגן די מאטריאל. איך האב אנגעצינדן מיין קאר אבער עס צינדט זיך נישט אן. וואס קען דא זיין? האב איך זיך געוואונדערט צו זיך אליין.

נישט טרעפנדיג די סיבה האב איך אנגעקלינגען צו מיין שווער. ער איז א שטיקל מבין אין קארס. ער האט געבעטן איך זאל אנצינדן די מאטאר און אים געבן צו הערן די קולות וואס עס געט ארויס און האפנטליך וועט ער מיר קענען זאגן וואס דא גייט פאר.

"פאר דיין קאר פעלט בענזין".

פון אלעס אויף די וועלט האב איך געטראכט אבער דאס איז מיר נישט איינגעפאלן. איך בין געווען פארלוירן. איך בין דא אינמיטן גאס און פון וואו גיי איך זיך שאפן בענזין? נאכ'ן קלינגען עטליכע מענטשן האט איינער געהאט פאר מיר אן עצה. ער האט מיר דערציילט איבער א מאשין וואס פארט ארום און פולט אן קארס וואס זענען ליידיג פון בענזין.

איך האב זיי געקאללט אבער זיי האבן מיר אנטוישט זאגנדיג אז זיי ארבעטן נאר מיט טראקס.

"אבער איך בין שטעקן געבליבן. איך בין אינמיטן גאס! וואס טוה איך דא?".

"אויב אזוי וועל איך קומען".

ער האט עס אנגעפולט און איך האב אנגעהויבן פארן. איך האב זיך אריינגעזעצט אין קאר און פלוצלונג קלינגט מיין פרוי אן.

"וואס טוט זיך מיט די קאר"?

איך האב זיך געוואונדערט פון וואו ווייסט זי אז איך האב געהאט צו טון מיט מיין קאר.

"איך האב פריער גערעדט מיט מיין טאטע און ער האט מיר דערציילט דערוועגן. זאלסט וויסן אז ווי נאר איך האב עס געהערט און וויסנדיג אז דו קענסט נישט ארבעטן אן א קאר, האב איך אנגעהויבן זאגן תהלים פאר דיר".

יעצט האב איך שוין פארשטאנען פון וואו עס איז פלוצלונג געקומען צוגיין די ישועה, עס איז אין זכות פון איר תהלים.

## די גוטע שלוחים

עס דערציילט הרב יעקב נבנצאל פון בית שמש, א תלמיד פון די מירער ישיבה:

עס איז געווען אין די סליחות טעג פון תשפ"ב ווען איך בין איין טאג געזעסן אין איינער פון די שולן אין די בית ישראל געגענט אין ירושלים ווען איך הער זיך אונטער ווי א איד זאגט פאר'ן צווייטן אז אין דעם קומענדיגן מיטוואך וועט דא פארקומען א ברית פאר א צווילינג פון זיינער א נאנטער משפחה מיטגליד.

דער איד האט געגעבן צו פארשטיין אז לעולם וואלט

## אפאר טראפעלער טינט

מיין נאמען איז שמואל און איך בין א מלמד אין די שטאט ביתר. אין די תלמיד תורה, האט אויך געדינט אלץ מלמד מיין חשובער ידיד רבי אלעזר גאלדבערג ז"ל, איינער פון די 45 אידן וואס זענען אומגעקומען אין מירון ל"ג בעומר תשפ"א.

מיר זענען געווען גוטע ידידים. איך האב זיך זייער שווער געזעגענט פון אים. ער איז געווען א ליבליכער און א געשמאקער מענטש, אלע האבן אים ליב געהאט און אלע בענקען זיך נאך אים, אבער מיין קשר צו אים איז פארבליבן, איך האב ממשיך געווען צו לערנען משניות פאר אים יעדן טאג.

מיט די צייט האבן מיר אפילו געמאכט א סיום אויף גאנץ ששה סדרי משנה מיט די פירוש ברטנורא לעילו נשמתו.

מיר זענען ממשיך צו לערנען משניות לטובת נשמתו, אבער איך וויל דא מיטטיילן איבער א מורא'דיגע זאך וועלכע האט זיך אפגעשפילט מיט מיר אין די נאכט פון כ"ב חשון תשפ"ג.

יענער נאכט נאכ'ן לייענען קריאת שמע האב איך זיך געלייגט שלאפן ווי יעדע נאכט אבער אינמיטן נאכט זעה איך ווי עס שטייט פאר מיר מיין געוועזענער חבר ר' אלעזר ז"ל. זיין פנים האט געלאכטן, ער איז געווען אנגעטון מיט זיינע שבת'דיגע קליידער, אויף זיין קאפ האט ער געטראגן א שטריימל און ער רעדט צו מיר.

"טוה מיר א טובה", בעט ער זיך ביי מיר.

"גיי אריבער צו הרב אפרים זילבערמאן שליט"א און בעט אים אז ער זאל מיר מוחל זיין אויף די חוב וואס איך בין אים שולדיג, אויף די טינט".

אין די ערשטע מינוט האב איך זיך אויסגעלאכט פון דער חלום. איך טראכט דאך אסאך מאל פון אים ווען כ'לערן לעילוי נשמתו, אבער ווען דער זעלבער חלום האט זיך איבערגע'חזר'ט מארגן האב איך שוין געטראכט אז אפשר איז עס יא אמת, אבער גלייך האב איך געשטארקט און געזאגט פאר מיר אליין אז איך גלייב נישט אין חלומות, עס איז זיכער א פאנטאזיע.

פאר א וואך צייט האט זיך דער חלום געהאלטן אין איין איבער'חזר'ן. ביי יעדער חלום האט ער אויסגעזען די זעלבע און געהאט די זעלבע בקשה, ביי די אכטע נאכט האט ער געטוישט זיין צוגאנג. דאסמאל האט ער שוין נישט געשמייכלט צו מיר, ער האט אראפגענומען זיין שטריימל פון זיין קאפ און זיך באקלאגט פאר מיר.

"פארוואס העלפסטו מיר נישט? ביי דיר איז עס א קלייניגקייט? דו דארפסט סך הכל צוגיין צו אים און אים בעטן אזא זאך, אבער איך דארף זיך וועגן דעם שלעפן אזא לאנגער וועג, איך בעט דיר, טוה מיר די טובה".

דאסמאל האב איך עס גענומען ערנסט. גלייך, מארגן אינדערפרי, ביי יום כיפור קטן האב איך זיך געוואנדן צו הרב זילברמאן און אים דערציילט איבער דער חלום.

הרב זילבערמאן וועלכער האט גע'ירשנ'ט די אומנות פון סופרות פון זיין טאטע הגה"צ רבי יצחק שלמה זילבערמאן זצ"ל האט גוט געדענקט די מעשה.

ווי ער האט דערציילט האט זיך די מעשה אפגעשפילט ווען הרב זילבערמאן שליט"א וועלכער דינט אויך אלץ א פארהערער אין חדר האט פארהערט אין די כיתה פון ר' אלעזר ז"ל און איינמאל קומענדיג אין חדר, פארהערן די קינדער, האט ער דערציילט פאר ר' אלעזר איבער א נייע סארט טינט מיט'ן נאמען 'דיוחנן' און פארגעשלאגן פאר ר' אלעזר - וועלכער האט אויך געדינט אלץ סופר - ער זאל עס אויספראבירן.

הרב זילבערמאן האט אים געגעבן די טינט. ער האט נישט געטראכט אז ער גייט עס צוריקבאקומען. אין זיינע אויגן איז עס געווען א מתנה, אבער ביי ר' אלעזר איז עס געווען ווי א הלוואה טראכטנדיג אז ער גייט עס איין טאג צוריקגעבן.

די מעשה האט פאסירט געציילטע טעג איידער זיין פטירה און ר' אלעזר ז"ל האט נישט עספיעט עס אפצוגעבן.

ווען איך האב דערציילט די מעשה פאר הרב זילבערמאן האט ער עס גענומען זייער ערנסט. גלייך האט ער צוזאמענגערופן עטליכע אינגעלייט און פארענט פון זיי געזאגט בפה מלא 'הריני מוחל במחילה גמורה ובלב שלם לר' אלעזר מרדכי בן ר' שמואל ע"ה והמנוח ינוח בשלום על משכבו".

ווען איך האב דערציילט די מעשה פאר ר' שמואל גאלדבערג שליט"א, דער מלמד אין ת"ת עץ חיים האט ער געבעטן אז איך זאל פארשפרייטן די מעשה, עס זאל זיין לעילוי נשמתו פון זיין זון ז"ל.

יהא זכרו ברוך.

## עס איז נאר דא איין מנהל אויף די וועלט

עס איז געווען א געהעריגער טאג ווען איך בין אהיימגעקומען ביי מיר אין שטוב און זיך געגרייט אנציווארעמען די עסן וואס מיין בני בית האט געקאכט פאר מיר און פאר די קינדער.

וועלנדיג סערווירן ווארעמע עסן האב איך ארויסגענומען די עסן פון פרידזשידער און עס


איין יסוד אויף 4 שפראכן

4 שפראכן - איין אמונה אין בורא יתברך

לשון הקודש - אידיש - ענגליש - פראנצויזיש

השגחה פרטית - דער גליון וואס דערענטערט אידן צו זייער הייליגער מקור

ארויפגעשטעלט אויפ'ן גאז און אראפגעדרייט דער גאז קנעפל און געהאפט אז עס וועט זיך אנצינדן, ווי געוועגליך, אבער ער צינדט זיך נישט אן.

איך האב פראבירט צו קוועטשן שטערקער. איך האב עס געדרייט אהין און אויף צוריק, אבער עס צינדט זיך נישט אן.

איך האב נישט געקענט פארשטיין וואס האט דא פאסירט. עס האט נישט געדויערט לאנג און איך בין ארויף אויפ'ן סוד. עס איז נישט דא קיין גאז!

וואו איז די גאז פארשווינדן געווארן? האב איך נישט געקענט פארשטיין וואס גייט דא פאר. זוכנדיג אן ענטפער צו מיין וואונדער האב איך אריינגעקלינגען אין די גאז פירמע און זיי געפרעגט וואס גייט דא פאר?

צו מיין ערשטוינונג האבן זיי געהאט פאר מיר א קלארע ענטפער. מיט א טאג פריער האט א טעכניקער באזוכט אויפ'ן ארט און צוליב א טעכנישע גרייז וואס איז געווען דארט מיט'ן סיסטעם האט ער אפגעשטעפט די גאז רערן פון די גאז סופליי, ווען ער האט אינזינען עס צוריקצולייגן גלייך, אבער בטעות האט ער פארגעסן עס צוריק צו באהעפטן און איבערגעלאזט די גאז אזוי.

איך האב שוין באקומען אן ערקלערונג צו וואס עס גייט פאר אבער יעצט האב איך געוואלט הערן פון זיי וואס איז דער פלאן? ווען גייען זיי עס צוריקלייגן"?

"מאמענטאל האבן מיר נישט קיין טעכניקער אין יענע געגענט. אויב מיר וועלן שפעטער האבן וועט עס זיין היינט, אז נישט וועט עס זיין מארגן".

ווען איך האב געהערט אז זיי זענען נישט אין א גע'יעג בין איך געווארן זייער אנגעצינדן.

"עס הייסט? אזא זאך"!

איך האב זיי אנגעהויבן זאגן אז וועגן זיי וועלן מיינע קינדער בלייבן הונגעריג און זיי באזידלט אז דאס איז נישט קיין סערוויס! מען פירט זיך נישט אזוי אויף! איך האב אזוי לאנג גערעדט און געזידלט אז איך האב איך געטראפן רעדן צו די וואנט, די באאמטע האבן שוין לאנג אראפגעלייגט דעם טעלעפאן.

נאר נאכדעם וואס איך האב אראפגעלייגט דער טעלעפאן בין איך געקומען צו מיר און זיך געכאפט ביים קאפ. איך האב זיך געשעמט פון מיר אליין! אזוי רעדט א איד? די גאז קאמפאניע איז שולדיג? צי האבן זיי עס געמאכט? אלעס פירט זיך פון אויבן, דער באשעפער שיקט מיר גאז. טאג טעגליך האב איך גאז, צי האב איך אמאל געטראכט פון דעם, צי האב איך אמאל געדאנקט פאר דעם?

איך האב זיך מתבונן געווען אז עס איז דא טויזנטער וואס געניסן נישט פון אזא לוקסוס און איך האב עס יעדן טאג, און איין טאג אז עס פעלט - בין איך אויס מענטש!

אויפ'ן ארט האב איך אנגעהויבן דאנקען דעם בורא עולם פאר אלעס! אז איך האב גאז, עסן, זיסע קינדער וואס ווילן און קענען עסן און פאר די פרוי וואס קאכט אזעלכע געשמאקע עסן. איך האב געדאנקט און געדאנקט און זיך בארואיגט.

איך האב געענדיגט דאנקען און דער טעלעפאן קלינגט. די פירמע האט צוריקגעקלינגען און זיך ענטשולדיגט אויף די דורכפאל און הייס פארשפראכן אז זיי גייען שוין ארויסשיקן א טעכניקער ער זאל פאררעכטן דעם דורכפאל.

"ער וועט זיין ביי דיר ביז א האלבע שעה".

איך האב אפגעאטעמט איינזעענדיג וואס עס שטייט אין ספרי קודש אז לויבן השי"ת איז א המתקת הדינים.

## די כח פון תפילה

דא רעדט א איד פון בארא פארק:

אין א טאג בין איך געזעסן אין שול און מיינער א באקאנטער איז אריינגעקומען אין שול. זעענדיג ווי איך זיץ דארט, אזוי האט ער מיר אנגעהויבן מיטצוטיילן מיט א דיעלעמע וואס ער גייט אריבער אין די צייט.

"מען האט מיר גענומען איך זאל זיין א צולערנער פון א בחור. די עלטערן לאזן זיך קאסטן גרויסע געלטער אז איך זאל לערנען מיט אים אבער כ'טאפ א וואנט. דער בחור פארשטייט נישט וואס כ'רעד צו אים, גארנישט גייט נישט אריין אין זיין קאפ".

דער יונגערמאן האט זיך גע'ספק'עט וואס ער זאל טון. צי זאל ער דערציילן פאר די עלטערן אדער זאל ער ווייטער לערנען מיט אים אוןווארטן אז אפשר וועט איין טאג זיין א שינוי לטובה.

איך האב גע'עצה'ט דער איד אז ער זאל ווארטן אביסל, און ביני לביני זאל ער מתפלל זיין אויף דעם בחור. איך האב אים געבעטן דער נאמען פון דעם בחור און די נאמען פון זיין מאמע און איך האב אים געזאגט אז איך וועל אויך דאווענען פאר אים.

דער איד האט מיר געגעבן זיין נאמען און כ'האב מתפלל געווען אויף אים. די באגעגעניש איז געווען דאנערשטאג און שבת האב איך געבעטן אויף אים און אויך געזאגט פאר מיינע קינדער אז מען זאל מתפלל זיין פאר אים.

זונטאג ביינאכט טרעף איך דעם יונגערמאן און נאך איידער ער האט אנגעיאגט צו זאגן עפעס פרעגט ער מיר.

"האסט מתפלל געווען פאר דעם בחור"?

זאג איך אים אז יא.

"מען זעט עס אויף אים. איך דערקען עס, היינט צום ערשטן מאל האט ער אלעס פארשטאנען וואס איך האב געלערנט מיט אים. זיין קאפ האט זיך געעפענט".

איך האב מיר ארויסגעלערנט פון דעם די כח פון תפילה.

די ברית געדארפט זיין אין בית שמש אבער אזוי ווי דער טאטע וויל אז הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א זאל זיין דער מוהל מאכט ער דער ברית דא.

איך האב געהערט ווי זיי רעדן און איך האב זיך געוואלט צוריק פארטיפן אין די סוגיא וואס איך האב געהאלטן אינמיטן לערנען ווען איך דערמאן זיך פון עפעס וואס מיין ברודער האט מיר נעכטן דערציילט.

מיין ברודער האט דערציילט אז זיין חברותא האט אים געזאגט אז עס איז דא א איד, א גביר פון אויסלאנד וואס איז דא כרגע און ער האט געזאגט אז ער וויל זייער שטארק האבן סנדקאות די וואך און אז ער איז גרייט צו צאלן דערפאר א גרויסע סומע געלט.

"דו האלטסט אז דיין קרוב וועט זיין פאראינטערעסירט אין דעם"? האב איך אים געפרעגט.

דער קרוב האט געקווענקעלט צי יענער וועט מסכים זיין, אבער איך האב ביזדערווייל געמאכט די פארבינדונג און עס איז באשלאסן געווארן אז נאך יענע נאכט וועט מען זיך באגעגענען אין די שטאט בית שמש, אין שטוב פון דער בעל שמחה.

שפעט ביינאכט איז דער באגעגעניש פארגעקומען. עס איז געווען זייער רירענד. די עלטערן זענען געווען גערירט פון דער באזוך פון דעם עושר, דער עושר איז געווען גערירט זעענדיג די עניות אין וואס די אידן וואוינען.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער יונגערמאן זיצט און לערנט פון צופרי ביז ביינאכט, ער פארדינט קליינגעלט פון די כולל, זיין ווייב נעמט אן צו זיין א טיילער (וועיטער) ביי שמחות, און זי איז גליקליך אז איר מאן זיצט און הארעוועט על התורה ועל העבודה.

עס איז געווען זומער. מען האט געוואלט אנצינדן אן עירקאנדישן, אבער עס איז געווען צובראכן. דער עושר האט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן געזען די עניות פאר זיינע אויגן און ער האט זיך געפריידט אנצונעמען דער כיבוד.

עס איז געבליבן אז מען גייט פרעגן א שאלת חכם, און לויט דעם וועט מען מחליט זיין איבער די סנדקאות. מען האט געפרעגט פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, ער האט געזאגט אז אויב עס האט זיך אזוי געפירט איז א סימן אז אזוי דארף זיין און מען האט געגעבן סנדקאות פאר דעם עושר.

די יידעס האבן מסכים געווען אוועקצוגעבן דער כיבוד, האלטנדיג נאכ'ן האבן סנדקאות און מען האט זיך געגרייט צו די גרויסע סעודה פון די ברית.

יעצט, אז עס איז שוין געווען אן עושר אין בילד, האט דער עושר געלאזט באשטעלן א סעודה כיד המלך. די סעודה איז געווען ח"י אלול, דער טאג ווען עס איז מקובל אין די חסידי'שע וועלט אז דער בעל שם טוב הק' איז געבוירן געווארן.

ווען דער סנדק האט געהערט אז היינט איז ח"י אלול איז ער געווארן נאכמער מרוגש זאגנדיג אז היינט איז אויך זיין יום הולדת און געדאפלט די סכום.

נאך די ברית האט דער עושר געגעבן פאר'ן יונגערמאן די סומע פון דרייסיג טויזנט דאלער און אים אויך געקויפט א טייערע צווילינג וועגעלע, קליידער פאר דער קינד און נאך אסאך זאכן ווען ער בעט אז מען זאל בלייבן אין קאנטאקט און שפעטער ביי די בר מצוות און ווייטערדיגע שמחות וועט ער אויך בעזר השם משלים זיין.

דער בעל שמחה ר' יוסף האט שפעטער דערציילט אז די מערסטע האט אים באנומען וויאזוי די ישועה איז געקומען צוגיין.

"איך האב אייביג געזאגט פאר מיין ווייב אז אויב מען לערנט פארלאזט נישט דער באשעפער, יעצט האב איך עס געזען בחוש, איך האב געזען דער לא יבשו ולא יכלמו כל החוסים בך"!




זייט אויך פון די וואס פארשפרייטן די הייליגע אמונה!
דערציילט איבער די גליון פאר אייערע נאנטע - באקאנטע - פאר אייער ברודער - זיידע - קרוב -
פון היינט האט יעדער פון וואו צו שעפן אמונה אין זיין שפראך
שרייבט אייך איין און שרייבט איין אנדערע - מאכט א טויש אין אייער לעבן -
לעבט רואיגער און צופרידענער און מיט מער מנוחת הנפש ווייל איר לעבט מיט'ן באשעפער
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

זייער אסאך מאל טרעפט זיך א מענטש פארמעסטן אין א שוועריגקייט און עס ליגט פאר אים צוויי ברירות. ער קען משלים זיין מיט דעם און אויסזוכן די גוטע חלקים פון די יסורים אדער קען ער זוכן א לעזונג דערצו. וואס דארף ער טון? למשל איינער ארבעט ערגעץ אין א פלאץ און ער ליידט זיך צוזאם ביי די ארבעט. צי זאל ער מקבל זיין די יסורים באהבה און זאגן אז דאס איז דער רצון השם אדער זאל ער זיך גיין זוכן א נייער ארבעט?

שאלה נומער 56

נ.ד. אלעד

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## אמונה מיט שמחה

**הרב דוד ישראל פון בית שמש, הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש, הרב אביה שמעיה חדוק פון ירושלים, הרב נתן הלוי פון ביתר עילית:** ווען א מענטש גייט אריבער א שוועריגקייט דארף ער זוכן די וועג ארויסצוגיין פון איר. אזוי זאגן אונז שוין חז"ל אין בבא מציעא [דף ע"ה] אז ווער עס איז אים שלעכט אין די שטאט וואו ער וואוינט און ער זוכט נישט אריבערצוגיין פון איר איז פון די צועקין ואינן נענין. נאר אויב עס איז נישט דא א וועג ארויס, דארף ער טרעפן וועגן וויאזוי ער קען זיך שטארקן אין אמונה.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב אשר תפילנסקי פון ביתר עילית, הרב יעקב לעמבערגער פון אשדוד, הרב דוד סופר פון בני ברק, הרב ברוך ווידער פון ביתר עילית:** אין די שאלה שטעלטסו אהער די פראגע ווי עס וואלט ווען געווען א סתירה צווישןביידע זאכן, אבער עס איז נישט אמת. די צוויי זאכן זענען נישט קיין סתירה. אין דער זעלבער צייט ווען א מענטש שטארקט זיך קעגן זיינע שוועריגקייטן קען ער ווייטער זוכן א לעזונג צו זיינע פראבלעמען. אז ער טרעפט איז זיכער גוט. אז נישט איז מען ממשיך זיך צו שטארקן און מען ווייסט אז אויב מען טרעפט נישט קיין שום לעזונג איז זיכער אז דער רצון השם אז מען זאל זיך ווייטער שטארקן.

**הרב מרדכי גאלענדער פון בית שמש:** די בעסטע עצה צו וויסן וואס וויל יעצט פון אים השי"ת איז זיך צו שטארקן אין שמחה. די גמרא אין ירושלמי זאגט אין רוח הקודש שורה אלא בלב שמח. אז מען איז בשמחה ווייסט מען וואס מען האט צוטון. מען דארף זיך שטארקן אין שמחה און אזוי ארום וועט מען וויסן וואס מען האט צו טון.

## זוך אויף דארט די גוטע חלקים

**הרב מרדכי שלמה ראבינאוויטש פון ביתר עילית:** בשם צדיקים זאגט מען נאך אז וואו א איד גייט דארף ער וויסן אז ער איז נישט פערצופאל דא אנגעקומען, מען האט עס אים אהין געשיקט פון הימל, ווייל דארט דארף ער עפעס מתקן זיין און עס קען זיין אז די זעלבע זאך איז אויך ביי דיר. אז דו ארבעטסט אויף א פלאץ וואו עס איז דיר שווער, אפשר וויל מען פון דיר אז דו זאלסט זען די באהאלטענע גוטע נקודה אין די זאך. **צו דעם געדאנק לייגט צו הרב אהרן בייפוס** אבער דאס איז אלעס בתנאי אז דער איד האט די כוחות זיך צו פארמעסטן מיט דעם. אויב נישט, דארף ער זוכן ארויסצוגיין פון דארט **און צו דעם זענען מוסיף ביותר שאת הרב מאיר הערשטיין פון בני ברק און הרב יוסף אריה פאללאק פון אשדוד** אז אין די רגע וואס עס שטערט אים אין עבודת השם ווי צום ביישפיל אז ער קומט לכלל כעס איז זיכער אז עס איז נישט דער רצון השם ער זאל דארט בלייבן.

## עשה לך רב

**הרב משה מגן פון מודיעין עילית, הרב דוד פערסט פון אשדוד, הרב אברהם אהרן דושינסקיא פון בית שמש:** עס איז נישט דא קיין גענויע תשובה צו דיין שאלה. ממש אויף אזא זאך האבן חז"ל געזאגט עשה לך רב והסתלק מן הספק.

## שאלה פאר גליון 106

איינס פון די גרעסטע און חשוב'סטע מידות וואס איז דא ביי אידן איז די מידה פון הכרת הטוב. אידן אין אלע דורות האבן געלעבט מיט הכרת הטוב. אז איינער האט דיר אמאל א טובה געטון האט מען געדענקט אויף אייביג, אבער דאגעגן איז באקאנט די ווערטער פון דעם הייליגן חינוך אז דער טעם פון לא תקום און לא תטור, נעמט זיך פון דעם אז מען וויל אז א מענטש זאל געדענקען אז א מענטש מאכט נישט גארנישט, אלעס מאכט דער רבוש"ע. דער וואס טוט דיר עפעס איז א שליח פון דעם רבוש"ע. איך האב געוואלט וויסן וויאזוי גייען די ביידע זאכן צוזאמען? אדער זאג איך אז יענער האט מיר עפעס געטון און כ'דארף אים מכיר טובה זיין און אויך ווען ער טוט שלעכטס דארף ער זיין די אדרעס, אדער זאג איך אז יענער איז גארנישט. איך וויל וויסן וויאזוי די צוויי זאכן גייען צוזאמען.

ד.ה. ירושלים

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת ויחי. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור
## פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## דער יום טוב חנוכה - צו לויבן און דאנקען השי"ת

די הייליגע טעג פון חנוכה זענען לעכטיגע טעג, עס איז טעג פון הלל והודאה.

עס איז גרויסע טעג! עס איז א געוואלדיגע עת רצון, מען קען אין איר פועל'ן גדולות ונצורות.

מען טרעפט א גרויסע זאך אין די טעג. אז א איד פארגעסט צו זאגן על הניסים ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אז ער קען זאגן הרחמן הוא יעשה לנו ניסים. מען קען בעטן אויף ניסים און ווער קען בעטן? נאר דער וואס האט פארגעסן צו זאגן על הניסים.

דער בטלן! דער וואס האט נישט די קאפ אויפ'ן פלאץ, ער האט די כח, חנוכה איז אויך אזא איד אזוי נאנט, אז ער קען בעטן אויף ניסים.

ווי אזוי מאכט מען ניסים?

אז מען גלייבט אין די טעג, אז מען רעדט איבער איר גרויסקייט, אז מען בעט אויף איר, אז מען פירט זיך אזוי איז מען ממשיך ניסים אויפ'ן כלל ישראל.

אבער מען טאר נישט פארגעסן אז דער עיקר פון חנוכה איז הלל והודאה, דאנקען און לויבן.

א איד קען אריינלייגן גרויסע כוחות אין זיך גרייטן צו די חנוכה ליכט, ער קען צינדן מיט די בעסטע און די שענסטע ליכט, אבער אויב איז ער נישט קובע די טעג אויף הלל והודאה האט ער נישט יוצא געווען די מצות היום.

אין אזעלכע טעג דארף מען יעדן טאג אראפנעמען כאטש פינף מינוט א טאג און אין די מינוטן דאנקען און לויבן השי"ת. מיט די מויל דארף מען זאגן דברי הודאה און דאנקען אויף אלע גוטע זאכן וואס מען האט, אז מען לעבט, אז מען איז א איד, אז מען האט וואס מען דארף און אז מען קען עס שרייבן אויף א פאפיר איז נאך בעסער.

מען דארף נישט נאר דאנקען אז מען האט וואס צו עסן, נאר אויך אז מען קען עסן, וויפיל קראנקע קענען ליידער נישט עסן?

נישט נאר דאנקען אז מען האט גוטע קינדער, נאר אויף דער עצם זאך אז מען האט קינדער.

און אזוי דארף זיין ביי יעדער זאך. מען דארף אראפגיין צום שורש הענין און דאנקען אויף אלעס, אפילו אז מען האט נישט אלעס.

א גרויסע סגולה אין די ימי החנוכה איז ליכטיג צו מאכן די פינסטערניש. יעדער מענטש האט אין זיך פינסטערניש. אסאך מאל שפירט א מענטש ווי ער האט אין זיך גרויסע אורות אבער ער קען עס נישט נוצן, ער איז פארקנאקט, אין די טעג איז די צייט צו בעטן, מען קען בעטן אז השי"ת זאל ליכטיג מאכן אין די אויגן, כי אתה תאיר נרי, השם יגיה חשכי.

זאל מען טאקע זוכה זיין אז השי"ת זאל אריינשיינען אויף אונז און אויף די גאנצע וועלט.

**די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

## מצד די באנוצער

מיין נאמען איז ישראל מאיר פון ירושלים: עס איז שוין א לענגערע צייט וואס איך האב זייער אסאך נוצן פון די חשוב'ע האטליניע. עס איז משפיע אויף מיר פריוואט און אויך אויף די ווירטשאפט פון מיין שטוב און אויך אויף מיין ארבעט אבער מער ווי אייביג האב איך עס געשפירט די וואך. אין לויף פון די וואך האב איך געהאט א שווערע נסיון. איך האב אריינגעלייגט אסאך געלט אין א געוויסע פלאץ און די וואך האב איך דערהאלטן די ידיעה אז אלעס איז געגאנגען לטמיון. ווען נישט די האטליניע וואלט איך געווען אויס מענטש פון צער. אדאנק דער האטליניע האב איך עס אנגענומען זייער גרינג, איך האב געדאנקט השי"ת און איך בין געווען בשמחה ובטוב לבב. א דאנק אייך פאר די חשוב'ע האטליניע.

## מצד די געבער

מיט צען חדשים צוריק האב איך תורם געווען 180 שקל אז מען זאל פארשפרייטן די גליון אין א גאנצער געגענט לזכות אז מיין זון וואס דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער זאל האבן א ישועה. איך האב דעמאלטס אויך איבערגעגעבן זיין נאמען אז מען זאל מתפלל זיין פאר אים ביים ציון פון דער חובת הלבבות. היינט, ברוך השם, צען חדשים שפעטער איז ער געהאלפן געווארן מיט א בן זכר.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט**

**און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה